בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש



פרשת חקת

## די עיקר פונעם לעבן איז עולם הבא

### די מיסטעריע פון די פרה אדומה

**די** פראצעדור פון די פרה אדומה מיט וואס אונזער פרשה הייבט זיך אן, איז געוויס געווען איינס פון די מערסט מיסטעריעזסטע פראצעדורן וואס מען טרעפט אין די גאנצע תורה. אויך שלמה המלך, די קלוגסטע מענטש אויף דער וועלט האט געזאגט דערויף "אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני", (קהלת ז כג) איך האב געמיינט אז איך וועל דאס פארשטיין, אבער דאס איז צו ווייט פון מיין פארשטאנד.

יעדער ווייסט אז די פרה אדומה איז געקומען צו רייניגן די אידישע קינדער פון טומאת מת. מיר ווייסן דאך אז עס איז דא אסאך וועגן וויאזוי א מענטש קען ווערן טמא, אבער נאר פאר א טמא מת פעלט אויס די אויסערגעוועגליכע פראצעדור פון די פרה אדומה. מיר ווייסן אלע אז א טויטע קערפער איז א אבי אבות הטומאה, די טאטע פון אלע טאטעס פון אלע סארטן פון טומאה, עס איז נישט דא גארנישט וואס איז מער טמא ווי א נישט לעבעדיגע קערפער פון א איד. דאס מער טמא פון א מצורע, מער ווי פון א זב און מער ווי פון א שטיקל נבילה. דאס איז הארבער פון סיי וועלכע אנדערע טומאה אויף דער וועלט, און די איינציגסטע וועג וויאזוי צו קענען ווערן גערייניגט פון אט די הארבסטע טומאה איז דורך די פרה אדומה.

און לכאורה איז דאס זייער מיסטעריעז, וואס איז אזוי געפערליך מיט א טויטע קערפער אז זיין טומאה זאל זיין אזוי הארב?! און עס איז אזוי הארב אז גארנישט קען דאס נישט רייניגן נאר די אש פון די פרה אדומה?!

### פארוואס ווערט די טויטע קערפער פארפוילט?

**אויסער** די טומאה פון א טויטע קערפער, ווערן אויך באפוילן אין די תורה, צו באגראבן א טויטע קערפער די שנעלסטע וואס עס איז מעגליך. יעדער ווייסט פון די מצוה פון "לא תלין את נבלתו", עס איז דא אן איסור צו לאזן א טויטע קערפער נישט באגראבענערהייט. און נישט נאר וואס עס איז א באפעל פונעם אויבערשטן, נאר דאס מען באגראבט אויך א טויטן צוליב די

נאטור וואס דער אויבערשטער האט אזוי באשאפן דעם קערפער פון א מענטש, אז ווען דאס האט נישט קיין לעבן ווערט דאס פארפוילט. די חכמים זאגן (פסחים נד ב) אז איינע פון די זאכן וואס דער אויבערשטער האט אזוי אויסגעשטעלט די בריאה אין די ששת ימי בראשית, איז אז די טויטע קערפער זאל באקומען א שלעכטע גערוך, ווי נאר א קערפער פארלירט זיין לעבן, דארף דאס ווערן צוגאנגען.

עס זענען דא וואס פרעגן, וואס איז דען די גרויסע חידוש אז א טויטע קערפער באקומט א שלעכטע גערוך און עס ווערט צוגאנגען, דאס איז דאך מיט יעדע זאך, א עפל ווערט אויך פארפוילט, א טויטע קאץ ווערט אויך פארפוילט און צוגאנגען. אבער דער אמת איז, אז א מענטשליכע קערפער ווען עס שטארבט, ווערט דאס פארפוילט און עס באקומט א שלעכטע גערוך אסאך שנעלער, און אויף אסאך מער אומאיינגענעמע וועג ווי סיי וואס עפעס אנדערש. אן עפל ווען עס ווערט פארפוילט, איז דאס אבער נישט פארמיאוסט, אפילו א טויטע קאץ איז נישט אזוי פארמיאוסט, אבער א מענטשליכע קערפער האט די ערגסטע גערוך וואס מעגליך. און מיר דארפן זיך וואונדערן דערויף, וואס איז די סיבה דערצו, פארוואס האט דער אויבערשטער אזוי באשאפן די מענטשליכע קערפער?!

## באגראבן דעם שלעכטן גערוך

**מעגליך** איר האט נאכנישט געהערט פון די שאלה, אבער אונזערע חכמים האבן דאס יא געפרעגט, אונזערע חכמים האבן געטראכט פון אלעס! און די תירוץ וואס זיי האבן אונז געזאגט איז, אז דער אויבערשטער האט דאס ספעציעל געמאכט אזוי, ער האט אזוי אויסגעשטעלט די וועלט באשאף, כדי צו צווינגען מענטשן צו באגראבן זייערע טויטע קערפער׳ס די שנעלסטע וואס מעגליך. דער אויבערשטער האט געמאכט די טויטע קערפער די מערסטע אומגעשמאק, שלעכט אויסזעהן, און שלעכטע גערוך, כדי מיר זאל זיך צואיילן דאס צו באגראבן, און דאס אוועקנעמען פון אונזערע אויגן.

יעצט איז די שאלה, וואס איז טאקע די איילעניש?! וואס וואלט שוין געווען אזוי שלעכט אויב מיר וואלטן געהאלטן אביסל דעם זיידן פאר אונזערע אויגן? מען וואלט אים געלאזט אביסל זיצן אויפן שטוהל, זיינע אויגן פארמאכט, און מיר וועלן אים נאך זעהן, די משפחה וועט אים נאך אביסל האבן! און נאך א וואך אדער צוויי, אדער לאמיר זאגן נאך א חודש, וועט מען אים באגראבן?!

## נישט זעהן, נישט טראכטן

**יעצט** הערטס גוט אויס, ווייל דאס איז גאר א וויכטיגע זאך צו פארשטיין. עס איז א גרויסע געפאר צו לאזן ליגן א טויטע קערפער צווישן די לעבעדיגע. וואס איז די גרויסע געפאר? ווייל א טויטע קערפער איז א עדות און א דערקלערונג אקעגן השארת הנפש. דאס זעהן א קערפער וואס בלויז א קורצע צייט פריער איז דאס געווען פול מיט לעבן, זעהט אויס צו זיין דאס פארקערטע פונעם כלל אז מענטשן לעבן נאכן טויט. געב א טראכט, וואס איז די ערשטע זאך וואס א מענטש טראכט ווען עס איז דא א טויטער? א מענטש טראכט, עס האט זיך געענדיגט. דער טויט פארנארט דעם מענטשנס שכל צו טראכטן אז דאס איז דער סוף כל האדם, דאס איז די ענדע, און דאס איז זייער א גרויסע ליגנט! און

דערפאר טאר מען דאס נישט זעהן, ווייל טויט איז אזויווי א סתירה פון די עיקר האמונה, די פונדאמענט פון אלע פונדאמענטן, די אמונה אין די עולם הבא.

ווען א מענטש גייט ארום, און ער פונקציאנירט געהעריג, ער עסט דריי מאל א טאג, ער האט געלט אין זיין טאש, דאן איז גרינג צו רעדן פונעם עולם הבא, זיכער, פארוואס דען נישט?! אין צוגאב צו די יעצטיגע וועלט, וויל ער אויך באקומען די קומענדיגע וועלט, פארוואס דען נישט?

אבער ווען מען זעהט א טויטע קערפער, ווערט זייער שווער צו גלייבן אינעם לעבן נאכן לעבן. ווייל נישט קיין חילוק וויפיל די "שכל" זאגט דיר, אז די נשמה לעבט אויף אייביג, אבער ווען מען זעהט די טויטע קערפער פאר די אויגן, דאן קלאפט דאס צווישן די אויגן, "קוק, ער איז טויט, עס איז פערטיג, א פארגאנגענהייט". אלע אני מאמין'ס וואס מען כאפט אפ נאכן דאווענען שחרית פאר אזויפיל יארן, ווערט צושטויסן און צוברעקלט, ווען מען באגעגענט זיך מיט א לעבנסלאזע קערפער.

## מיתה מיינט נישט טויט

**עס** איז אמאל געווען א מענטש ביי אונז אין שוהל, א פרומע איד, וואס זיין טאטע איז געשטארבן, איך בין געגאנגען מנחם אבל זיין, נישט היינט געדאכט. דער איד האט אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין ווען איך האב גערעדט מיט אים, ער האט מיר געזאגט אז עס טוט אים זייער וויי, ער איז אינגאנצן צובראכן. ווייל ווען זיין טאטע איז אוועק, האט ער געזעהן זיין טאטעס טויטע קערפער, און ער האט געזעהן א לעבנסלאזע שטיק הויט אוןביין, און ער האט געפילט אז דאס איז די ענדע, די געגנצליכע ענדע פון זיין טאטע, ער איז מער נישט דא. פארשטייט זיך, דער מענטש איז געווען א מאמין, ער האט געגלייבט, אבער אפילו א קורצע צייט וואס מען זעהט א טויטע קערפער איז דאס א צייט פון שוואכקייט, און דאס צושטערט די שכל, די תורה'דיגע שטעלונגען וואס מען האט זיך איינגעקויפט במשך אזויפיל יארן.

און דערפאר, כדי נישט צו ווערן אפגעשוואכט אין די אמונה פון די קומענדיגע וועלט, כדי מיר זאלן וויסן אז א מת איז נישט אינגאנצן טויט, וויל דער אויבערשטער אז מען זאל נישט זעהן דעם טויטן קערפער, און דער אויבערשטער צווינגט דאס צו באגראבן, דורך דעם וואס די טויטע קערפער איז אזוי אומבאקוועם פאר די לעבעדיגע, און קיינער וועט נישט ווילן האלטן דעם טויטן קערפער לענגער ווי עס פעלט זיך אויס. דער אויבערשטער וויל אז מען זאל דאס נישט זעהן, און אז מען זעהט דאס נישט, טראכט מען נישט דערפון, ווייל עס איז זייער וויכטיג צו וויסן, אז דער נישט לעבעדיגער מענטש איז נישט טויט.

מיר האבן שוין אמאל גערעדט דערפון, אז די ווארט **מת**, איז געבינדן צו די ווארט **מוש**, וואס דאס מיינט, זיך אוועקרוקן. ווייל דאס איז וואס מיתה איז, בלויז זיך רוקן פון איין פלאץ צום צווייטן, פון עולם הזה צו עולם הבא. און דערפאר וויל דער אויבערשטער אז די טויטע קערפער זאל זיין ווייט פונעם אויג כדי מיר זאלן געדענקען אז דאס איז נישט קיין קערפער, דאס איז א צלם אלקים! און א צלם אלקים לעבט פאר אייביג! און ער איז נישט טויט, דער זיידע לעבט פאר אייביג!

## סכנה: האלט זיך ווייט

**און** יעצט פארשטייען מיר פארוואס די שטערקסטע טומאה פון אלע טומאות איז די טומאה פון א טויטע קערפער. ווייל וואס איז בכלל א טומאה? איז דאס דען עפעס א אומזעהבארע כוח וואס צושפרייט זיך וואונדערליך אין די לופט? די רמב"ם זאגט אז די טומאות זענען א טומאה פון די טראכטונגען פונעם מענטש!

א זאך וואס קען באשמוצן די שכל פון די מענטש, עס שטערט די אמתדיגע וועג פון טראכטן איבער די לעבן פון נאכן שטארבן, איז זייער א מסוכנ'דיגע זאך און עס מוז ווערן צוריקגעהאלטן. און דערפאר האט דער אויבערשטער אזוי באפוילן, אז א טויטע קערפער זאל ברענגען די שטערקסטע טומאה, ווייל עס קען ברענגען די שכל פון די מענטש, צו די גרעסטע פאלטשקייט. דאס איז וואס טומאה איז, דער אויבערשטער זאגט אונז, "שטיי ווייט דערפון". דאס איז די הארבסטע סארט טומאה וואס דער אויבערשטער וויל מיר זאלן זיך דערווייטערן דערפון, ווייל די מערסט מסוכנדיגע זאך איז, זיך אראפצוגליטשן פון אונזער אמונה אין עולם הבא.

## עולם הבא איז אלעס

**עס** איז זייער וויכטיג צו פארשטיין, אז די אמונה אין עולם הבא איז נישט בלויז א גוטע זאך, א מידת חסידות, נאר דאס איז גאר א וויכטיגע עיקר. ווען מיר קוקן אריין אין מסילת ישרים, די ספר פון עבודת ה', זעהן מיר אז עולם הבא איז אלעס! ער זאגט אז מיר דארפן האלטן אין די געדאנקען אז, **יסוד החסידות ושורש העבודה**, די פונדאמענט און דיווארצלען פון עבודת ה' איז, **שיתברר ויתאמת אצל האדם מה חובתו בעולמו... הוא העולם הבא**, אז א מענטש זאל זיין קלאר און איבערצייגט אין זיין פליכט אויף די וועלט, זיך צו צוגרייטן צו די עולם הבא.

טראכט גוט אריין אין זיינע ווערטער, דאס איז צוויי באזונדערע זאכן. **יתברר**, עס מוז זיין קריסטאל קלאר צו אים פארוואס ער איז געקומען אויף דער וועלט, אבער עס איז נישט גענוג ווען מען ווייסט דאס קלאר, עס איז נישט גענוג ווען מען קען זאגן "איך גלייב אין עולם הבא" און מען איז פארטיג.

ווייל אויסער דעם וואס מען איז קלאר דערמיט, דארף מען אויך זיין איבערצייגט דערין, **ויתאמת**. מען מוז אריינלייגן אלע כוחות וואס עס פעלט זיך אויס, כדי צו ווערן איבערצייגט אין די אמת פון עולם הבא. מען דארף זיין איבערצייגט קלאר אין די אמת'דיגע מציאות פון עולם הבא, אזוי קלאר וואס מען איבערצייגט אין די אמת אז מען האט פינגער'ס אויף די האנט.

ווייל די טיפע איבערצייגונג אין עולם הבא איז די פונדאמענט פון אונזער עבודת ה', דערפאר איז נישט גענוג אז מען שטייט בלויז ווייט פון מתים, עס איז נישט גענוג בלויז דאס אז מען שטייט ווייט פון עפעס וואס קען שוואך מאכן אונזער אמונה אין עולם הבא, נאר מיר מוזן טוהן אלעס, נוצן אלע סארטן מעטאדן וואס מעגליך, צו שטארקן די איבערצייגונג. אלעס וואס מיר קענען טוהן צום **ויתאמת**, צו איבערצייגט ווערן אין די אמת פון עולם הבא.

## די עיקר איז נאכן שטארבן

**יעצט** קענען מיר כאטש אביסל פארשטיין די טעם פון פרה אדומה. די פסוק זאגט, מען זאל נעמען א קוה וואס איז אינגאנצן רויט, און קיין צוויי האר פון אן אנדערע קאליר, און קיין שום פעלער, די קוה זעהט אויס צו זיין זייער הערליך שיין, עס איז ווערט צו פארן א וועג בלויז דאס אנצוקוקן, עס קאסט א פארמעגן מיט געלט, ווייל עס איז דא זייער ווייניג פון דעם, פארקויף איין פרה אדומה און דו קענסט זיך ארייינזעצן אין כולל פאר דיין גאנץ לעבן.

אבער, נישט קיין חילוק זיין שיינקייט און זיין גאנצקייט, ווילאנג די קוה לעבט איז דאס ווערטלאז! זיכער איז דאס ווערט, אבער בלויז צוליב דעם וואס מען וועט מאכן דערמיט נאכן שחט'ן און פארברענען. נאכן שחט'ן און פארברענען, עס ווערט אש שטויב, יעצט איז דאס געווארן וויכטיג! נאר יעצט קען דאס אפריייניגן די אבי אבות הטומאה.

דאס סימבאלאזירט גאר א וויכטיגע זאך. ביים אויבערשטן איז די וויכטיגסטע זאך אין די וועלט, די אידישע קינדער, אפילו איין איד איז ביים אויבערשטן מער ווערט פון די גאנצע בריאה, יעדער איד דארף זאגן "פאר מיר איז די וועלט באשאפן געווארן". און יעצט אזויווי די פרה אדומה, נישט קיין חילוק ווי שיין, הערליך און טייער דאס איז ביי זיין לעבן, קומט ער אבער נישט אן צום ציהל, ווילאנג ער לעבט, די זעלבע א איד, זיי פלאץ איז עולם הבא, בלויז דארט ווערט געפארטיגט די סיבה פארוואס ער איז בכלל באשאפן געווארן, ווילאנג ער לעבט איז ער נאכנישט אינגאנצן פארטיג. עולם הבא איז די ציהל, נישט עולם הזה!

## פארוואס פרה אדומה רייניגט פון טומאת מת

**יעצט** וועלן מיר פארשטיין פארוואס בלויז די פרה אדומה קען רייניגן דעם מענטש, פון די טומאה וואס קומט פון א טויטע קערפער, די טומאה פון א טויטע קערפער קומט צוליב דעם וואס דאס פארדרייט דעם מענטש מיט די געדאנק אז אלעס ענדיגט זיך מיטן לעצטן אטעם פון א מענטש. און זיך צו רייניגן פון אט די געדאנק קען בלויז די פרה אדומה, וואס דאס לערנט אונז אז דער מענטש איז נישט געשטארבן. "ווער נישט פארפירט פון די לעבנסלאזע קערפער" זאגט די כהן ווען ער שפריצט די אש פון די פרה אדומה, די פרה אדומה קען בלויז אויספירן זיין ציהל ווען ער איז שוין אש, און די זעלבע איז מיט די טויטע קערפער, ער האט אויך נישט אויסגעפירט געענצליך זיין ציהל ביז יעצט, ווען ער לעבט אין עולם הבא.

מיר זענען פארנומען אויף די וועלט, זיך צו פארדערכטן מיט מצות און מיט תורה, פונקט אזויווי די פרה אדומה איז געווען גאנץ ביי זיין לעבן, אן א פעלער, ריין און ציכטיג. אבער מיר מוזן אלץ האלטן טיף אין געדאנק די אמת פון עולם הבא, וואס די ריכטיגע שלימות און גאנצקייט פון די מענטש, איז ווען זיין קערפער ווערט שטויב אין די ערד, און זיין נשמה, זיין צלם אלקים, לאזט איבער די וועלט אנצוקומען צום עולם הבא.

# הדפסה והפצה

**פאר בלויז 100$ קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**

פארבינדט אייך: 347.755.8860

info@torasavigdor.org

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# שאלה:

## קען איך גיין צו די ׳האלאקאוסט מוזעאום׳ס, כדי צו לערנען און געוואויר ווערן מער, איבער די שרעקליכע קריג?

# תשובה:

**גיי** נישט צו קיין האלאקאוסט מאזעאם. קענסט ווערן באקאנט מיט די מלחמה אויף גאר אסאך וועגן, אבער די האלאקאוסט מאזעאום זאל נישט זיין איינע פון זיי. עס איז דא אסאך ביכער, גוטע און פרומע ביכער, איבער די מלחמה, און איבער די גאנצע היסטאריע ארום, אבער גיי נישט צו די מאזעאומס. איר דארפט וויסן, אז די אלע מאזעאומס זענען פארגיפטעט, זיי זענען פארגיפטעט פון רשעים און אפיקורסים.

**יעדע** האלאקאוסט מאזעאום, שטעלט אויך ארויס געוויסע זאכן פון טרויער, אויף די פארלוסט פון די רשעים וואס היטלער האט גע׳הרג׳עט. זיי מישן אויס די טמא׳נע פארשווינען מיט אונזערע הייליגע און טייערע קדושים וואס האבן פארלוירן זייער לעבנס, און זיי לייגן דאס אין די זעלבע קאטעגאריע היל״ת.

**מיר** זענען נישט אינטערעסירט צו באוויינען די רשעים וואס היטלער האט גע׳הרג׳עט. מיר באוויינען די עם ישראל, די עם ה׳, דאס איז וואס אינטערעסירט אונז. גיין צו זייערע מאזעאומס וועט פארגיפטן דיין שכל מיט די פארקערטע פון די ״דעת השם״.

**אלע** האלאקאוסט מאזעאומס זענען פארשמוצט מיט די שלעכטע געדאנקען פון די דרויסנדיגע וועלט. עס זאל זיין א מאזעאום באשטומט פאר די האלאקאוסט, און עס זאל נישט דערמאנט ווערן דעם אויבערשטן אפילו איין מאל?! דאס איז אפיקורסות! שטיי ווייט פון דעם. ארץ ארץ אל תכסי דמם.

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות